בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִלָיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
ע"ו

פרשת כי תצא
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת וָאֵרָא שְׁנַת תשפ"ד

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וָאֵרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

פַארְ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ נִיגוּן: **"שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, טַאטֶע אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל זַיין הַיינְט גְרִינְג אוּן לַייכְט".**

### קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין בַּאקְסֶעס

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, מְנַהֲלִים אוּן מְנַהֶלֶתְ'ן דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אִין אַן אָפִיס הָאט עֶר אַ שֵׁיינֶע מְלוּכָה, עֶר אַרְבֶּעט מִיט צֶעטְלֶעךְ אוּן אִירֶע צוּגֶעהֶערְן, וִוי אַ הָאוּל פָּאנְטְשֶׁער (וָואס לֶעכֶערְט צֶעטְלֶעךְ), סְקַאטְשׁ טֶעיפּ (דֶּבֶק), סְטִיק גְלוּ, קְרֶעיזִי גְלוּ (פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט קְלֶעבּ), רָאבֶּערְס אוּן פֶּעיפֶּער קְלִיפְּס, אָדֶער אַרְבֶּעט עֶר מִיט בַּאקְסֶעס, אָבֶער אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אַרְבֶּעט מִיט מֶענְטְשְׁן, וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן קִינְד אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל, וָואס דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט.

לֵיידֶער קוּמֶען הַיינְט אַרַיין צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער דָאס וָואס דִי לִינְקֶע וֶועלְט וִויל מַאכְן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ בְּלוֹיז אַ 'נוּמֶער', קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וִוי בַּאקְסֶעס אוּן מַאטְרִיאַל, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז וֵוייסְט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי מִיט גֶעטְרֵייַשַׁאפְט.

### אַ גוּטֶע מַאמֶע זָאגְט מוּסָר

אִיךְ ווִיל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מַאמֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט. וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיז עֶר יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי פַארְשְׁלָאפְן, אוּן דִי שְׁלִיסְלֶעך פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעלִיגְן אוּנְטֶער זַיין קִישְׁן אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין קַיין קָרְבָּנוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרָאבְּלֶעם וַוייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אוֹיפְוֶועקְן דֶעם קֶענִיג, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים זַיין אַלְטֶע מַאמֶע, זִי הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע פְּסַק, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: **"מַה בְּרִי וּמַה בַּר בִּטְנִי** (מִשְׁלֵי לא, ב)**, וָואס אִיז מִיט דִיר מַיין קִינְד? פַארְדֶעם הָאבּ אִיךְ דִיךְ אוֹיפְגֶעהָאדֶעוֶועט אַז דוּ זָאלְסְט טְרִינְקֶען וַויין אוּן טַאנְצְן אוֹיף חֲתוּנוֹת?! אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִיר!"** דֶעמָאלְט הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גֶעזִינְגֶען מִיט זַיין פִידְל דֶעם נִיגוּן וָואס מִיר זִינְגֶען יֶעדְן שַׁבָּת אוּן בַּיי חֲתוּנוֹת 'אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא' (מִשְׁלֵי לא, י); שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעדַאנְקט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַ גוּטֶע מַאמֶע וָואס זָאגְט אִים מוּסָר.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן, שְׁכוֹחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ טֵייעֶרֶע מַאמֶע וָואס זָאגְט מִיר אַלְץ מוּסָר, זִי זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער, אִיךְ זָאל מְחַזֵּק זַיין דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי קִינְדֶער.

### אִיךְ בִּין שׁוֹין אַפָּאר טֶעג גוּט, אוּן קֵיינֶער זָאגְט מִיךְ גָארְנִישְׁט

הָאט מִיר מַיין מַאמֶע לֶעצְטְנְס דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, וָואס אִינְמִיטְן עֶס אוֹיסְהֶערְן בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ בִּין

### טְרֶערְן פוּן אַ קִינְד

גֶעוָוארְן אָנְגֶעפִילְט מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט פוּן גֶעוֵויין.

דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן צֶעלָאזְט, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי גַאנְצֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ, מֶען הָאט גֶעזֶען אַז מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, עֶס אִיז שׁוֹין 'כָּלוּ כָּל הַקִּצִּין', אַלֶע לַיידְן פוּן אִים, הָאט דֶער מְנַהֵל אַרוֹיסְגֶערוּפְן דֶעם קִינְד אִין פָארְנְט פוּן זַיין מְלַמֵּד, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶמֶערְדְזְשֶׁענְסִי מִיטִינְג (זִיצוּנְג) אוּן מֶען הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז מֶען גֶעבְּט אִים נָאךְ אֵיין שַׁאנְס, אוֹיבּ גֵייט עֶר זִיךְ אוֹיפְפִירְן גוּט דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז גוּט, אוֹיבּ נִישְׁט - אִיז 'אַרוֹיס פוּן חֶדֶר'.

דֶער אִינְגְל הָאט גֶעזֶען אַז דֶער מַצָּב אִיז עֶרְנְסְט, אוֹיבּ עֶר גֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן דִי וָואךְ גוּט אִיז אַחַת דָּתוֹ... הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ זַיין ווָאוִיל, זוּנְטָאג אִיז דוּרְךְ פֵיין, מָאנְטָאג אִיז דוּרְךְ פֵיין, דִינְסְטָאג אִיז דוּרְךְ פֵיין, אוֹיךְ מִיטְוָואךְ אִיז דוּרְךְ פֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין ווָאוִיל, אָבֶער דָאנֶערְשְׁטָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק צֶעשְׁפִּילְט אַזוֹי וִוי פַארְדֶעם, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט, דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן, הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן דֶעם אִינְגְל אוּן אִים הוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן: **"דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט דָא זַיין, נֶעם דַיינֶע סְפָרִים, דַיין מַאנְטְל אוּן דַיינֶע גֶעצֵייג, אוּן גֵיי צוּם מְנַהֵל! אוּן יֶעדֶער זָאל אִים וואוּנְטְשְׁן 'צֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם'!"**

דֶער אִינְגְל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל, אוּן דֶער מְנַהֵל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: **"אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ נִישְׁט, מֶען הָאט דָאךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַ גֶעשֶׁעפְט אַז דִי וָואךְ גֵייסְטוּ זַיין ווָאוִיל?!"** הָאט דֶער אִינְגְל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מְנַהֵל וֶוען

עֶס הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן טְרֶערְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן: **"אָבֶער זוּנְטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גוּט, מָאנְטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גוּט, דִינְסְטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גוּט, מִיטְוואָךְ בִּין אִיךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, אוּן קֵיינֶער הָאט מִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין גוּט, נָאר וֶוען אִיךְ בִּין שְׁלֶעכְט זָאגְט מֶען מִיר..."** - דָא הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעוֵויינְט, אוּן יֶעצְט וֶוען אִיךְ דֶערְצֵייל אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה שְׁטִיק אִיךְ זִיךְ וַוייטֶער פוּן גֶעוֵויין; פַארְוָואס זָאגְסְטוּ נָאר פַאר'ן קִינְד וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט גוּט - אַז עֶר אִיז נִישְׁט גוּט, עֶר אִיז דָאךְ שׁוֹין אַפָּאר טֶעג גֶעוֶוען גוּט אוּן קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט: **"וַואווּ, בִּיסְט אַזוֹי גוּט, דוּ מַאכְסְט פְרַאגְרֶעס (פָּארְשְׁרִיט), דוּ רוּקְסְט זִיךְ אִין לֶעבְּן"**.

עַד כַּאן הַמַעֲשֶׂה; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס אִיז דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה, צִי דֶער בֶּער הָאט אִים אוֹיפְגֶעגֶעסְן, צִי דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען, צִי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעטְרָאפְן... אַזוֹי וִוי אַלֶע פְּלֶעיס (פָּארְשְׁטֶעלוּנְגֶען) עֶנְדִיגְן זִיךְ, אָבֶּער דֶער נְקוּדָה אִיז אֱמֶת; צוּ קֶעיר נֶעמֶען אִיז יֶעדֶער דָא, אָבֶּער צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶוערְט מֶען פַארְשְׁווּאוּנְדְן.

## גֶעבְּן אֱמֶת'עֶ גוּטֶע וֶוערְטֶער

אַ קִינְד וַוארְט צוּ הֶערְן אַ גוּט וָוארְט אַז עֶר טוּט גוּט; וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַ קִינְד גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט. אוּן אַ 'גוּט וָוארְט' אִיז נָאר וֶוערְד אוֹיבּ מֶען מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, פַאלְשֶׁע גוּטֶע וֶוערְטֶער מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְאִיבְּלְט.

אַז אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ טִיטְשֶׁער הַאלְט נִישְׁט בַּיים קַאמְפְּלִימֶענְטִירְן אַ קִינְד, עֶר עֶקְלְט זִיךְ פוּנֶעם קִינְד אוּן הָאט פַיינְט דֶעם קִינְד, וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אִים זָאגְן מִיט אַ גֶעמַאכְטְן שְׁמֵייכְל: **"הֶעלָאוֹ!" "גוּט מָארְגְן!"** אַ קִינְד אִיז נִישְׁט קַיין נַאר, אַ קִינְד כַאפְּט צִי מֶען מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג אָדֶער נִישְׁט.

גֶעבּ אַן אֱמֶת'עֶ 'גוּט מָארְגְן' פַאר'ן קִינְד, זָאג אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה וָואס עֶר טוּט יָא, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער קִינְד אִיז צַאמְגֶענוּמֶען זָאג אִים: **"בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען"**, אַז דֶער קִינְד עֶסְט אוֹיף וָואס מֶען גֶעבְּט בַּיי פְרִישְׁטָאג אִין מִיטָאג, זָאג אִים: **"דוּ עֶסְט אַזוֹי שֵׁיין אוֹיף אוֹיף וָואס מֶען גֶעבְּט"**, אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן וִוי **"דוּ גְרִיסְט אַלְץ יֶעדְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל"**, **"דוּ קוּשְׁט אַלְץ דִי מְזוּזָה"**.

## אַן עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר נֶערְוְון

אַסַאךְ מָאל פְרֶעגְן מִיר עֶלְטֶערְן: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט מַיין קִינְד, עֶר אִיז אַפְּסֶעסְט (אַרַיין אִין אַ מְשׁוּגַעַת) מִיט דִי מְזוּזָה, עֶס אִיז אִים אַרַיין אַ נֶערְוְון פוּן קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, עֶר הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיקְגֵיין צוּם טִיר קוּשְׁן דִי מְזוּזָה?"** זָאג אִיךְ זֵיי: מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט נֶערְוְון, אוֹיבּ אִיז דָאס טַאקֶע נֶערְוְון - אִיז דָא אֵיין עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן פוּן נֶערְוְון 'אוֹיס נֶערְוְון', אַז מֶען גֶעבְּט כָּבוֹד פַאר דִי נֶערְוְון.

דָאס אִיז בִּכְלַל אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב); אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד וָואס וַואשְׁט זִיךְ אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָדֶער קוּשְׁן דִי מְזוּזָה אִיז אִים גֶעוָוארְן אַ נֶערְוְון, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְהֵייבְּן קְרִיגְן מִיט דֶעם מְשׁוּגַעַת וֶועט עֶס נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער, עֶנְדֶערְשׁ מַאךְ פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, גֶעבּ אִים כָּבוֹד, זָאג: **"קוּק וִוי שֵׁיין עֶר אִיז נִזְהָר אִין נְטִילַת יָדַיִם"**, **"קוּק וִוי שֵׁיין עֶר אִיז נִזְהָר אִין קוּשְׁן דִי מְזוּזָה"** [בַּיים סוֹף פוּנֶעם שִׁיעוּר אִיז בַּייגֶעלֵייגְט אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן].

## אַ פָּנִים וִוי אַ הַיינְטִיגֶע חֲתוּנָה...

טַייעֶרֶע מְחַנְכִים, מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, לָאמִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער. גֶעדֶענְקְט 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ דָא גֶעקוּמֶען זַיין אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קוֹיפְן כָּבוֹד?' - מִיר פַארְקוֹיפְן נִישְׁט קַיין כָּבוֹד!

עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן בַּיי טִיטְשֶׁערְס, עֶס זָאל זִיךְ אַרַיינְכַאפְּן אַזֶעלְכֶע מַחְשָׁבוֹת: 'דִי מֵיידְל הַאלְט מִיךְ פַאר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער, אוּן דִי מֵיידְל הַאלְט מִיר אוֹיךְ פַאר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער, זִי אִיז יָא מַיין חַסִידִי'סְטֶע אוּן זִי אִיז נִישְׁט מַיין חַסִידִי'סְטֶע, זִי הַאלְט פוּן מִיךְ אוּן זִי הַאלְט נִישְׁט פוּן מִיךְ'...

עֶס הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ הַיינְטִיגֶע חֲתוּנָה; אַמָאלִיגֶע צַייטְן, נִישְׁט צוּ לַאנְג צוּרִיק, הָאט אַ חָתָן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין דְאָגָה בַּיי דִי חֲתוּנָה אַז עֶר דַארְף טַאנְצְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער חָתָן פְלֶעגְט זִיצְן אִינְדֶערְמִיט אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעטַאנְצְט פַאר אִים אוּן אִים פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט הַיינְט בַּאטְרַאכְטְן אַ חָתָן וֶועסְטוּ זֶען אַז פוּן 'עוֹד יִשָּׁמַע' בִּיז דִי 'מִצְוָה טַאנְץ' הָאט עֶר מַמָשׁ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, וַוייל עֶר דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דֶעם עוֹלָם, וֶוען עֶר טַאנְצְט מִיט אֵיינֶעם קוּקְט עֶר שׁוֹין אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז יֶעצְט מְקַנֵא אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטַאנְצְט מִיט יֶענֶעם, עֶר דַארְף גֶעבְּן פַאר יֶעדְן כָּבוֹד... - אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי טִיטְשֶׁערְס וָואס וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער, אַנְשְׁטָאט דִי טִיטְשֶׁער זָאל קוּמֶען אוּן טַאנְצְן פַאר דִי קִינְדֶער, דַארְפְן דִי קִינְדֶער טַאנְצְן פַאר דִי טִיטְשֶׁער...

לֵיידֶער זֶענֶען אוֹיךְ דָא עֶלְטֶערְן וָואס זוּכְן צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז דָא מַאמֶעס וָואס צֶעקְוֶועטְשְׁן זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע צְוֵויי יֶערִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי מוּטְשֶׁען זֵיי: **"הָאסְט לִיבּ מַאמִי?" "גֶעבּ אַ קוּשׁ פַאר מַאמִי"...** וָואס טוּט אָבֶּער אַ קְלוּגֶע מַאמֶע וֶוען אִיר קְלֵיינֶע בֶּעבִּי זָאגְט אִיר: **"דַאדַא מַאמִי"**? זִי וֶועט אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם קִינְד פוּן פֶּענְסְטֶער? זִי וֶועט אַרַיינְקְלַאפְּן צוּם שָׁכֵן אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן דֶעם קִינְד וַוייל דָאס קִינְד הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ?! - נֵיין! עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, זִי הָאט וַוייטֶער לִיבּ דֶעם קִינְד.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען קוּמְט אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, מֶען קוּמְט נִישְׁט 'אָפְּנֶעמֶען' כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן הַאלְטְן פוּן מִיךְ, מֶען קוּמְט 'גֶעבְּן' כָּבוֹד פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן דִי קִינְדֶער מוּזְן נִישְׁט הַאלְטְן פוּן מִיךְ.

## אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ פַאר דִי קִינְדֶער

עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן, בַּיי יֶעדֶע מוֹסָד אִיז דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן מִשְׁפָּחוֹת וואוּ זֵיי הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל אִין זֵייעֶר לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ גוּט וָוארְט, זֵיי הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט וָוארְט, וִוי: **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ"**, **"בִּיסְט אַזוֹי וואוֹיל"**, **"בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, אוּן אַ גְלֶעט פוּן דִי מַאמֶע.

פַארְדֶעם זֶענֶען מִיר דָא, אוּנְזֶער מוֹסָד זָאל זַיין אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶטְץ זָאלְטְס לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף דֶעם טָאג וָואס מֶען וֶועט קֶענֶען אַרוֹיסְשִׁיקְן אַ קִינְד פוּן כִּתָּה. נֶעמְטְס אַרוֹיס פוּנֶעם שִׁיעוּר דָאס וָואס דֶער אִינְגֶל הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן מְנַהֵל מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן; פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אִים אַרוֹיס פוּן חֵדֶר? עֶר אִיז דָאךְ פִיר טֶעג גֶעוֶוען גוּט! פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט אָנְגֶערוּפְן זַיין טַאטֶע מַאמֶע גֶעבְּן אַ נַחַת רוּף? אוֹיף צוּ קָאמְפְּלֶענֶען (הָאבְּן טַעֲנוֹת) רוּפְסְטוּ זֵיי אָן, אוּן זֵיי צוּ זָאגְן אַז מֶען דַארְף אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן רוּפְסְטוּ זֵיי אָן, אָבֶּער זֵיי צוּ גֶעבְּן אַבִּיסְל נַחַת רוּפְסְטוּ נִישְׁט?! פַארְוָואס הָאט דֶער מְלַמֵד אִים נִישְׁט גֶעטְרָאגְן צוּם מְנַהֵל דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר טֶעג זָאגְן אַז עֶר אִיז אַ גוּט קִינְד, אַ וואוֹיל קִינְד, פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן זַיין גוּטֶע נְקוּדָה?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא, אוּן אַסַאךְ הַצְלָחָה צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן קִינְד, אָמֵן.

## המשך שיעורים אין חינוך

פַּרְשַׁת וָאֵרָא שְׁנַת תשפ"ד

•••

מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן נֶערְוְון:

### מַיין אִינְגְל נֶעמְט יֶעדֶע מִצְוָה מִיט צוּפִיל דְרוּק, וִוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ אִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק, זֵיי מַאכְן מִיר קְלָאר דֶעם מֹחַ, אוּן וַוארֶעמֶען אָן מַיין הַארְץ.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט מַיין אַכְט יֶערִיג אִינְגְל, וָואס הָאט לֶעצְטְנְס אַסַאךְ אַבְּסֶעסְיֶעס. עֶר וַואשְׁט כְּסֵדֶר דִי הֶענְט עֶר זָאל נִישְׁט זַיין טָמֵא, עֶר הַאלְט אִין אֵיין מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, אֶפְשָׁר הָאט עֶר פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶר הַאלְט אִין אֵיין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר בֶּעט כְּסֵדֶר אִיבֶּער זַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אָבֶּער אַלֶעס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְרוּק אוּן פְּרֶעשׁוּר.

וִוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער; בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי מִצְוֹת דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען לֵייגְט זֵיי דָאס אַרַיין, זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט נֶעמֶען מִיט נֶערְוְון, זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת מִיט חָכְמוֹת וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרַיין אִין אִים מִיט אַ פְּרֶעשׁוּר, עֶר טוּט דִי מִצְוֹת מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה קֶען מֶען דָאס נָאר אַרוֹיסְנֶעמֶען מִיט חָכְמָה, מֶען קֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִים אָדֶער אִים נֵייטְן צוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ, מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען; אִים אוֹיפְהֵייבְּן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִים אוֹיסְלוֹיבְּן וִוי וואוֹיל עֶר אִיז אוּן וִוי טֵייעֶר עֶר אִיז - דוּרְכְדֶעם וֶועט אַוֶועק פַאלְן דִי נֶערְוְון. וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאל מֶען אִים זָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כז): "מִי שֶׁמְּנַקֶּה בְּכָל עֵת יָדָיו, עַל-יְדֵי-זֶה מְזַכֶּה אֶת לִבּוֹ", וֶוער עֶס וַואשְׁט זִיךְ כְּסֵדֶר זַיינֶע הֶענְט מִיט דֶעם וַואשְׁט עֶר זִיךְ אָפּ זַיין הַארְץ; אוּן וֶוען עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וְכוּ' דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלוֹיבְּן וִוי עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶר בֶּעט אִיבֶּער דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאל מֶען דָאס אוֹיסְלוֹיבְּן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; מֶען דַארְף מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אִים לְטוֹבָה, אַזוֹי וֶועט אַוֶועק פַאלְן אַלֶע נֶערְוְון. וַוייל נֶערְוְון גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט שִׂמְחָה; שִׂמְחָה שְׁטוּפְּט אַוֶועק עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

בֶּעסֶער וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דָא דִי גַאנְצֶע פְּרֶעשׁוּר, אָבֶּער אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דֶער סָארְט יֵצֶר הָרָע, מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה וִוי אַזוֹי מֶען וֶוערְט פָּטוּר דֶערְפוּן.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת צַו תש"פ)


### חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -


## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### זָאל אִיךְ נוּצְן פְּרָאטֶעקְצְיֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַרַיינְשִׁיקְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט בַּיי עֶטְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶּער קֵיינֶער וִויל מִיר נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל בִּכְלַל פְּרוּבִּירְן מִיט פְּרָאטֶעקְצְיֶע אוּן אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ קֶענֶען אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מוֹסָד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי! טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת.

קֶענְסְט נוּצְן אוּנְזֶער פְּרָאטֶעקְצְיֶע; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, - בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּרָאטֶעקְצְיֶע, תְּפִלָּה אִיז

שְׁטֶערְקֶער פון אַלֶעס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דו זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוּיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַּאר זֵיי; וַוייל נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי וֶועג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל דִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים. אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים פְרֶעגְט אִים: "מִיט אַ בְּרָכָה ווִילְסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער? עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר וַוייזְט פַּאר דֶעם אִיד זַיין מַאמֶע'ס תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן זָאגְט אִים: "אַזוֹי הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער"; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָ' צוּ פִירְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אִיךְ ווִיל פְּרֶעגְן אַן עֵצָה אִיבֶּער דִי לֶעצְטִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען פַּארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, ווִי דְרֵיי אִידִישֶׁע קָרְבָּנוֹת זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועקְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז, הַשֵּׁם יִנְקֹם דָּמָם. דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשׁוֹידֶערְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי דָאס צוּ פַארְנֶעמֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְיַעֵץ זַיין ווִי אַזוֹי אוּן ווִיפִיל צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי דֶערְוֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוּרוֹת, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ז שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה. זַיין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער מְנַהֵל אִיז נוֹטֵל שְׂכַר כְּנֶגֶד כּוּלָם וַוייל עֶר אִיז מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר זֶעט אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין; אַלֶעס וָואס דִי מְלַמְדִים לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן גַן עֵדֶן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן. אַז דִי קִינְדֶער פְּרֶעגְן אוּן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ נָאךְ אַ טְרַאגֶעדְיֶע: 'וָואס אִיז גֶעשֶׁעןְ?' זֵיי פְּרֶעגְן כָּל מִינֵי קֻשְׁיוֹת: 'וואוּ אִיז דֶער קִינְד וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן?' 'וָואס אִיז יֶעצְט מִיט אִים?' דִי אַלֶע סָארְט קֻשְׁיוֹת וָואס קִינְדֶער פְּרֶעגְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, נָאר זָאגְן: "אַ אִיד הָאט צְוֵויי וֶועלְטְן, דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן ווִי גוּט אוּן ווִי שֵׁיין אִיז פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהִיטְן דִי תּוֹרָה - אוֹיבְן אִין הִימְל, דִי נְשָׁמָה גֵייט אִין גַן עֵדֶן אוּן הָאט דָארְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן"; רֶעד מִיט בַּאק צֵיין, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וֶוערְן רוּאִיג.

נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶעטָאדְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם - אִיז אַלֶעס פַאנְטַאזִיעֶס אוּן עֶס בַּארוּאִיגְט נִישְׁט. נֶעבֶּעךְ פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ הֶעלְפֶערְס, אָדֶער נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ טִפּוּלִים וְכַדוֹמֶה, מֶען וֶוערְט דָארְט מֶער צֶעדְרֵייט. דֶער בָּשָׂר וָדָם זָאגְט: "יֶעצְט אָטֶעם אַרַיין אוּן יֶעצְט אָטֶעם אַרוֹיס", "יֶעצְט פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁרֶעק", אוּן "יֶעצְט טְרַאכְט ווִי דִי שְׁרֶעק נֶעמְט דִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער", "יֶעצְט שְׁרֵיי" וְכַדוֹמֶה; דִי זַאכְן אִיז פַאר אוּמוֹת הָעוֹלָם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נָאךְ אַ וֶועלְט, אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן.

אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן שְׁטַארְבְּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמה): "מַה לָּכֶם לִדְאֹג מִן הַמִּיתָה?", וָואס זָארְגְט אִיר זִיךְ פוּן שְׁטַארְבְּן? "הֲלֹא שָׁם הוּא עוֹלָם נָאֶה בְּיוֹתֵר מִכָּאן", אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז פִּיל אַ שֶׁענֶערֶע וֶועלְט ווִי דָא.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים. דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְנַהֵל דַארְף זַיין גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן מְלַמֵד בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ קְרִיטִיקִירְן דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַפִּיר דֶעם מְלַמֵד, נָאר יֶעדְן טָאג גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "אֵין מְחַזְקִין אֶלָּא לִמְחוּזָקִין"; מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק; דִי מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תְּרוּמָה תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876